# די וועכנטליכע מאמר אין עבודת ה' און אויף ענינים העומדים על הפרק

## פון כ"ק מרן פוסק הדור

# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א

## פרשת ואתחנן תשפ"ב

### תפילה מיט א דרך תחנונים

**"ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמר"**, (ג', כ"ג).

"מהו לאמר, א"ר עזריה לאמר לדורות שיהיו מתפללין בשעת הצרה שהרי משה אף על פי שנא' לו לא תעבור את הירדן הזה התחיל מתחנן".
(ב"ר ב' ו').

**די** מדרש זאגט אונז דא אז די תפילה פון משה רבינו איז געווען א לימוד פאר די קומענדיגע דורות, אז כלל ישראל זאל מתפלל זיין אין א עת צרה, און וועגן דעם שטייט 'לאמר' וויבאלד אין די תפילה איז דא א אמירה פאר די אידן ווי אזוי זיי זאלן דאווענען.

**מ'קען** צולייגן, אז ס'שטייט אין ספרי (ריש ואתחנן הובא ברש"י) אז פון די לשון פון "ואתחנן" לערנט מען ארויס אז איינע פון די צען לשונות פון תפילה הייסט "תחינה", זעה מיר פון דא אז פון די תפילה וואס משה רבינו האט מתפלל געווען לערנט מען ארויס אויף די ווייטערדיגע דורות אז די תפילות דארף זיין אויף א וועג פון 'תחנונים', ווייל יעדע פון די צען לשונות פון תפילה איז נאך א וועג ווי אזוי צו דאווענען, און ס'איז נישט נאר סתם צען נעמען פאר'ן דאווענען, אויב אזוי קומט אויס אז דאס וואס ס'שטייט "לאמר" איז צו לערנען פאר די ווייטערדיגע דורות אז די תפילות דארף זיין מיט א תחינה, וואס דאס איז מיט א הכנעה און א ידיעה אז ער קומט זיך בעטן ביים מלך זאל אים אויסהערן, און נישט דאווענען נאר כדי יוצא צו זיין.

**די** ענין פון דאווענען בתחנונים איז נישט נאר א מעלה נאר ס'איז אויך להלכה, ווייל ס'ווערט גע'פסק'ענט אין שו"ע (או"ח צ"ח ס"ג) "יתפלל דרך תחנונים כרש המבקש בפתח, ובנחת, ושלא תראה עליו כמשא ומבקש ליפטר ממנה", דאס הייסט אז עס דארף דאווענען מיט די מחשבה אז ער וויל עפעס בעטן פונעם מלך, און נישט דאווענען נאר כדי צו זיך פטר'ן פון די חיוב צו דאווענען, ווי דער משנ"ב (סק"ט) איז דארט מסביר, און דער ביאור הלכה ברענגט אויפן פלאץ אז ס'איז דא פוסקים וואס האלטן אז ס'איז מעכב אפילו בדיעבד, און אויב האט ער נישט געדאווענט אויף אזא וועג דארף ער איבער דאווענען, נאר להלכה פירט מען זיך ווי די פוסקים וואס דער משנ"ב ברענגט אראפ וואס האלטן אז ס'איז נישט מעכב בדיעבד.

איך האב געהערט פון עטליכע גדולים וואס האבן מסביר געווען די סיבה פארוואס היינט צוטאגס איז דא זייער אסאך וואס דאווענען און זיי ווערן נישט געהאלפן, איז וויבאלד מ'דאווענט נישט מיט א וועג תחנונים.

### זיך נישט מייאש זיין

**מ'קען** צולייגן אין די לימוד וואס אונז דארפן זיך לערנען פון די תפילה פון משה רבינו אויף די ווייטערדיגע דורות, אז מ'טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין, וויבאלד דער באשעפער האט געזאגט פאר משה "לא תעבור את הירדן", און פונדעסטוועגן האט זיך משה רבינו נישט מייאש געווען נאר האט געדאווענט תקט"ו תפילות ווי די גימטריא פון "ואתחנן", און טראץ וואס ער האט געזעהן אז דער באשעפער ענטפערט אים נישט ביי זיינע ערשטע תפילות האט ער זיך נישט מייאש געווען און ווייטער געבעטן ביז ער האט דערגרייכט פינעף הונדערט און פופצן תפילות, [און פון זיין זייט וואלט ער ווייטער ממשיך געווען צו דאווענען, נאר דער באשעפער האט אים געזאגט "אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה"], אויב אזוי דארף זיך יעדער איד לערנען דערפון זיך נישט מייאש זיין קיינמאל אין א עת צרה, און אויך אויב דער באשעפער האט אים נישט געענטפערט נאך זיינע ערשטע תפילות זאל ער ווייטער ממשיך זיין צו דאווענען, און זיך לערנען פון משה רבינו זיך נישט מייאש צו זיין, אזוי ווי חז"ל זאגן אונז (ברכות י.) "אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים".

**אזוי** אויך זאגן חז"ל (ברכות לב:) "אם ראה אדם שהתפלל ולא נענה יחזור ויתפלל שנאמר (תהילים כ"ז) "קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'", אז טראץ וואס א מענטש ווארט א לאנגע צייט אויף א ישועה און ער איז נישט געהאלפן געווארן, זאל ער זיך שטארקן און ממשיך זיין צו מתפלל זיין און האפן אויף א ישועה, און ער זאל זיך נישט מייאש זיין און האפן אז דער באשעפער וועט אים העלפן.

**כאטשיג** וואס משה רבינו'ס תפילות אריינצוגיין קיין ארץ ישראל איז נישט אנגענומען געווארן, איז אבער זיינע תפילות נישט אוועקגעפאלן נאר ס'האט געהאלפן פאר אנדערע זאכן, ווייל ס'שטייט דאך קלאר אין פסוק (להלן ד' ז') "כי מי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו כה' אלוקינו בכל קראנו אליו", זעה מיר אז אלע תפילות הערט דער באשעפער אויס,און גארנישט גייט נישט לאיבוד, אזוי אויך שטייט אין ירושלמי (ברכות פ"ד ה"ד) "הלואי שיתפלל אדם כל היום שאין תפילתו נפסדת", נאר ס'איז דא מאלן וואס דער באשעפער נעמט נישט אן זיין תפילה פאר די בקשה נאר ער ניצט עס פאר אנדערע זאכן, אבער דאס איז זיכער אז יעדע תפילה טוהט אויף, פארדעם טאר א מענטש זיך קיינמאל נישט מייאש זיין, און ער דארף וויסן אז מיט יעדע תפילה טוהט ער זיך א טובה בזה ובבא.

**דרך** אגב וועל איך נאכזאגן א וויכטיגע הערה וואס רבינו הגר"א זצ"ל (כתר ראש אות מ"ה) האט ארויסגעלערנט פון די אויבנדערמאנטע גמרא אין ברכות, אז אויב א מענטש זעהט אז ער האט מתפלל געווען און ער איז נישט געהאלפן געווארן זאל ער מתפלל זיין נאכאמאל, זאגט ער אז דאס איז די סוד פון די צוויי תפילות בלחש און חזרת הש"ץ אז דעמאלט'ס ווערט די תפילה בעסער אנגענומען. אזוי אויך זאגט דער 'רבינו יונה' (אגרת התשובה אות ט') און דער ב"י ברענגט אים (או"ח קכ"ד) מיט די לשון: "כתב ה"ר יונה העונה אמן אחר כל ברכה הרי הוא כמתפלל שתי פעמים ואמרו ז"ל מי שהתפלל ולא כיון וחזר והתפלל מובטח לו שתפילתו נשמעת", אז מיט'ן ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה רעכנט זיך עס ווי ער דאווענט צוויי מאל און זיין תפילה ווערט אנגענומען.

**א** געוואלדיגע זאך ברענגט דער כף החיים' (קכ"ד סק"ב) אז ע"פ פשטות איז די עיקר תקנה פון חזרת הש"ץ וועגן איינער וואס איז נישט בקי צו דאווענען, אבער זאגט ער: "מימי האריז"ל ניתנה רשות לגלות , וגילה הסוד של החזרה שמעלתה יותר גדולה מן הלחש ושניהם חובה כו' ". און וועגן דעם זאגט ער פלעגט דער אריז"ל צומאכן די אויגן בשעת חזרת הש"ץ און מכוון צו וואס דער בעל תפילה זאגט. אין 'ראשית חכמה' שער הקדושה (פי"ד) זאגט ער אז ביי חזרת הש"ץ דארף מען אינזינען האבן וואס דער שליח ציבור זאגט, און ס'דארף זיין עיניו למטה ולבו למעלה פונקט ווי ביי שטילע שמו"ע. אוןליידער זענען אסאך אידן נישט נזהר היינט צוטאגס אין די ענין און מ'דארף עס פארשפרייטן און מודיע זיין פאר יעדן.

### קוקן אויף די הייליגע פלעצער

**"אעברה נא ואראה את הארץ הטובה, אשר בעבר הירדן ההרהטוב הזה והלבנון"**, (ג, כ"ה).

"ההר הטוב זה ירושלים, והלבנון זה בית המקדש".
(רש"י)

**משה** רבינו האט זיך געבעטן ביים באשעפער אז ער וויל זעהן ארץ ישראל און ירושלים און אויך די בית המקדש, און די טעם איז פשוט וויבאלד די גאנצע סיבה פארוואס משה רבינו האט געוואלט זעהן אר"י איז געווען ווייל ער האט געוואלט איינזאפן אין זיך פון איר קדושה דורכ'ן קוקן, וועגן דעם האט ער געוואלט זעהן עקסטער ירושלים און עקסטער די מקום המקדש, וויבאלד איינער וואס זעהט

המשך בעמוד ד'

## א שאלה וואס איז אנגעפרעגט געווארן ביי מרן שליט״א

**פאר** אסאך יארן צוריק פאר ווען ס׳איז געווארן איינגעפירט אין א פלעצער א געדאנק פון א ׳כולל ערב׳, האט א יונגערמאן דערציילט פאר מרן שליט״א אז ער האט זיך איינגעשריבן אין א ׳כולל ערב׳, האט מרן שליט״א אים געענטפערט מיט א שארפקייט ״נאך אביסל וועט מען דיר באצאלן אויף דעם וואס דו דאווענסט שחרית״.

**און** מרן שליט״א האט זיך זייער אסאך אפגערעדט אויף דעם וואס אין די לעצטע דור צאלט מען פאר יונגעלייט און אויך פאר בחורים אין בין הזמנים טעג פאר סדרי לימוד משך פיר און צוואנציג שעה א טאג, און ער איז געוואוינט צו זאגן אז אמאל פלעגט מען צאלן פאר א יונגערמאן אויף א כללות׳דיגע אופן אים אויסצוהאלטן פאר׳ן זיצן און לערנען, און די גאנצע זאך איז נישט געווען א ׳געהאלט׳ נאר אין די וועג צו ׳שטיצן׳, אבער היינט צוטאגס איז עס געווארן ווי א גאנצע אינדסטוריע, אז מ׳צאלט פאר א יונגערמאן אויף ׳כולל ערב׳, און ס׳איז דא אזעלכע וואס צאלן פאר דאווענען שחרית און פאר א סדר מוסר וכדו׳, און אין בין הזמנים גיבט מען א עקסטערן געהאלט, און אפשר וועט נאך קומען א טאג וואס מ׳וועט צאלן פאר יונגעלייט פאר׳ן לייגן תפילין... און ער האט צוגעברענגט די ווערטער פון ׳כף החיים׳ אז איינער וואס באקומט שכר אויפן לערנען איז ער מפסיד די מצוה פון תלמוד תורה.

**און** מרן שליט״א זאגט טאקע אן זיינע אייניקלעך אז זיי זאלן נישט לערנען אין א ישיבת בין הזמנים וואס מ׳באקומט דארטן געלט, נאר זיי זאלן זיך קובע זיין צו לערנען בין הזמנים אן קיין באצאלט.

## א הדרכה פאר די בחורים פון די ישיבה פון מרן שליט״א אין ׳קעמפ׳:

**ווער** ס׳איז עוסק אין די ימי בין הזמנים אין זאכן וואס וועט שטארקן זיינע כוחות און ס׳וועט אים העלפן לערנען בהתמדה די קומענדיגע זמן, ווערט עס גערעכנט ווי א חלק פון לערנען, ווייל וואס ס׳העלפט צו לערנען הייסט א חלק פון לערנען, אזוי ווי דער ׳חפץ חיים׳ האט מסביר געווען די ברכה ״לעסוק בדברי תורה״, אז לערנען איז ווי א ׳עסק׳ פון פרנסה, וואס אלע ארומיגע זאכן וואס ער דארף פאר זיין פרנסה [ווי א אפיס, א סעקרעטאר, וכדו׳], איז איין חלק מיט זיין ׳עסק׳, וויבאלד אן דעם קען די געשעפט נישט מצליח זיין, די זעלביגע איז ביי לימוד התורה אז אלע זאכן וואס פעלט זיך אויס צו קענען לערנען איז א חלק פון די תורה אליינ׳ס, אויב אזוי ווער עס רוהט זיך אפ אין די ימי בין הזמנים וויבאלד ס׳פעלט אים אויס צו קענען לערנען די קומענדיגע זמן, רעכנט זיך עס ווי לערנען אליינ׳ס, נאר מ׳דארף אכטונג געבן זיך נישט צו פאפן אז ס׳פעלט זיך אויס א מנוחה אויף א איבערגעטריבענעם פארנעם, און אוודאי נישט פורק עול זיין פון תורה און מצוות ח״ו אפי׳ פאר א קורצע צייט.

# א מאמר אין הלכה

## פארשידענע הדרכות אויף די ימי בין הזמנים

### בין הזמנים טעג

**א]** איך האב געהערט פון הג״ר איסר זלמן מעלצער זצ״ל אז אין וואלאזי׳ן פלעגט נישט זיין קיין ׳בין הזמנים׳,און מ׳פלעגט לערנען אין ישיבה ביז ערב פסח, און די ראשי ישיבה האבן געזאגט יעדן טאג א שיעור אויף א בלאט גמ׳ רש״י און תוס׳ בעיון, און ער האט זין באקלאגט אויף דעם וואס היינט איז דא ׳בין הזמנים׳ דריי חדשים אין יאר ניסן תשרי און אב, אויסער די פרייטאג און שבת יעדע וואך, און ער האט געזאגט אז דאס איז די גרעסטע גורם אז ס׳קומט נישט ארויס היינטיגע צייטן פון די ישיבות קיין גדולי התורה אזוי ווי ס׳איז ארויסגעקומען פון די וואלאזי׳נער ישיבה.

### התמדת התורה אין בין הזמנים

**ב]** איך האב געהערט פון א בחור וואס איז אריינגעגאנגען צו רבינו החזו״א זצ״ל זיך צו געזעגענען פאר׳ן אהיימפארן אויף ׳בין הזמנים׳, און ער האט זיך פארגעשטעלט פאר׳ן חזו״א אלס א בן תורה, האט ער געפרעגט פונעם חזו״א וויפל שעה דארף ער לערנען א טאג אין בין הזמנים, האט דער חזו״א ארויסגענומען א רמב״ם (פ״א מהל׳ ת״ת הל׳ י״ב) און אים פארגעלערנט די ווערטער פונעם רמב״ם אז א ארבעט׳ס מאן דארף ארבעטן דריי שעה א טאג און די אנדערע ניין שעה זיצן און לערנען, האט ער אים געזאגט אז אין בין הזמנים קען ער זיך פירן ווי א ארבעט׳ס מאן און לערנען ניין שעה א טאג, האט דער בחור אים געענטפערט ״אבער אויך אינמיטן זמן לערן איך נישט קיין ניין שעה א טאג״, האט אים דער חזו״א געזאגט ״האסט מיר פריער געזאגט אז דו ביזט א בן תורה און יעצט זאגסטו אז אפי׳ א ארבעט׳ס מאן ביזטו נישט״, און דער חזו״א האט געשטוינט פון דעם אז א בחור קען זיין מסופק צו ער לערנט אינמיטן זמן ניין שעה א טאג.

### די מעלה פון די ימי בין הזמנים

**ג]** מו״ר הגה״צ רבי משה שניידער זצ״ל האט זיך אין אנפאנג קעגן געשטעלט צו די ׳בין הזמנים׳, און ער האט געהאלטן אז ס׳פעלט אויס נאר פאר איינצעלנע וואס זיצן און לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה און זיי ווערן אפגעשוואכט און זיי דארפן אן אפרוה, און ער האט צוגעלייגט אז ממה נפשך אויב פעלט אויס פאר דער בחור מנוחה צו קענען לערנען זאל מען אים ארויסנעמען [מיט רשות פון זיינע רבי׳ס] אינמיטן זמן, און טאמער פעלט אים עס נישט אויס איז וועלכע היתר דא ארויסצוגיין בין הזמנים, אבער ער האט צוגעלייגט אז אסאך גדולים האבן שוין פרובירט צו מבטל זיין די געדאנק פון ׳בין הזמנים׳ און ס׳איז זיי נישט געלונגען, און ס׳זעהט אויס וויבאלד ס׳האט אן עקסטערע מעלה די טעג, ווייל איינער וואס לערנט בין הזמנים ווייזט אז ער לערנט נישט די תורה געצווינגענערהייט נאר צוליב זיין אהבת התורה, און וועגן דעם באקומט ער אסאך א גרעסערע שכר אויף זיין לערנען פון די גאנצע יאר, און נאך א מעלה אז דורך דעם קומט מען צוריק אין ישיבה מיט אן התחדשות און ס׳ברענגט די תועלת פון אנפאנג א זמן.

**און** ער האט צוגעלייגט אז מ׳דארף עכ״פ אין די טעג פון פאר חודש אלול פארמערן אונזערע זכותים לקראת די ימים נוראים הבעל״ט, און מ׳דארף אכטונג געבן נישט אנצוקוקן די טעג ווי א הפסקה פון לימוד התורה, נאר ענדערשטער ווי א צייט פון א הכנה צו א נייע התחלה אין חודש אלול הבעל״ט, און אוודאי און אוודאי נישט זיין אן קיין עול תורה אין די בין הזמנים טעג נאר ממשיך זיין צו לערנען מיט התמדה, אזוי ווי דער שלה״ק שרייבט (שבועות פרק נר מצוה) ״יהיה נעקר ונשרש מן העולם השם של ׳בין הזמנים׳, לא ייזכר ולא יפקד, רק כל העתים שווים לטובה, יתנהגו במנהג אחד לתורה, כמו שכתוב (יהושע א, ח) והגית בו יומם ולילה״.

### די טיטל פון א ׳בן תורה׳

**ד]** מו״ר הגה״צ רבי משה שניידער זצ״ל פלעגט אייביג זאגן אז די טיטל ״בן תורה״ איז א ספעציעלע טיטל פאר איינער וואס אויך ווען ער גייט ארויס פון ביהמ״ד זעהט מען אויף אים אז ער איז מקושר צו די תורה און ער איז דבוק אין איר וואו ער גייט נאר, ער הייסט א ״בן תורה״, אזוי ווי די טיטל פון א ״בן עיר שהלך לכרך״ וואס אויך ווען ער געפונט זיך אין כרך ווערט ער אנגערופן א בן עיר וויבאלד ער איז געוואוינט דארט צו זיין און ער איז מקושר צו די עיר, אזוי אויך א בן תורה אויב אויך ווען ער גייט ארויס פון ביהמ״ד ווי די ימי בין הזמנים דערקענט מען אויף אים אז ער איז א בן תורה, און אויך אינמיטן זמן דערקענט מען אויף אים אויף זיינע אויפפירונגען און אויף זיין דאווענען און אויף זיינע ברכות און די וועג ווי אזוי ער רעדט און ביי זיין עסן אז ער איז מקושר צו די תורה און ער איז געוואוינט צו זיין מיט איר, ער איז ראוי צו טראגן די טיטל ׳בן תורה׳, ווייל אזוי ווי א קינד איז צוגעבינדן צו זיין טאטע און ער שעפט זיין גאנצע חיות פון זיין טאטע וואס האט אים געברענגט אויף די וועלט, די זעלבע א ׳בן תורה׳ איז מקושר צו די תורה און ער שעפט זיין גאנצע חיות נאר פון די תורה.

**און** מו״ר זצ״ל האט צוגעלייגט ״ס׳איז דא ב״ה אויפן וועלט אסאך ״לומדי תורה״, אבער ״בני תורה״ איז פארהאן זייער ווייניג, און איך בין אייביג מתפלל אז אלע תלמידי הישיבה זאלן זיין ״בני תורה״, און נישט ווי די ״לומדי תורה״ וואס לערנען נישט געהעריג בין הזמנים, און זיי פירן זיך נישט ווי בני תורה, וואס זייער טיטל איז ״תורה סטודענט׳ס״ רח״ל, ווייל אזוי ווי א סטודענט לערנט נאר די שעות וואס ער איז מחויב צו לערנען, און ער טוישט נישט זיין לעבנ׳ס שטייגער דורך זיינע לימודים, די זעלבע איז מיט איינער וואס איז נישט אייביג מקושר צו די תורה״.

## חינוך הבנים

### דערציילן סיפורי צדיקים

א טאטע האט אנגעפרעגט פון מרן שליט"א אז ער טראגט יעדן טאג זיין זוהן אין חדר, האט ער געפרעגט וואס זאל ער רעדן מיט'ן קינד דעמאלט'ס ווען ער האט ליידיגע צייט, האט מרן שליט"א געענטפערט אז ער זאל דערציילן פאר'ן קינד מעשיות אויף גדולי ישראל וואס קען ברענגען אהבת התורה און יראת שמים, און ער האט צוגעברענגט בשם זיין רבי הגר"מ שניידער זצ"ל אויפ'ן פסוק "למען תספר באזני בנך וגו' ", אז די וועג איינצופלאנצן יסודות פון אמונה אין די קינדער איז דורך א "סיפור", ווייל דאס קינד האט א ווייכן הארץ, און ס'כאפט אריין אין זיך דערציילונגען וואס ציט דאס הארץ און ס'פארבלייבט אין זיין הארץ פאר לאנגע יארן.

### איינצופלאנצן גרויסע מושגים

א מחנך האט געפרעגט טאמער אין אונזערע דורות איז בעסער מ'זאל נישט אריינלייגן אין די קינדער גרויסע מושגים אזוי ווי אין די פריערדיגע דורות, כדי זיי נישט ארייננצולייגן אין א פרעשור אז זיי מוזן אויסוואקסן גדולי עולם, און פארדעם זאל מען נישט פאדערן פון זיי צו וואקסן אין אלע לעבנ'ס געביטן צופיל, האט מרן שליט"א געענטפערט אז פארקערט, וויבאלד די פרייע אידן ארבעטן קעגן אונז מיט אלע כוחות אין די לעצטע דור, מוזן אונז מלחמה האלטן קעגן זיי מיט אלע כוחות און איינפלאנצן שטארקייט און א ציל צו גרויסקייט אין אונזערע קינדער און נישט גורם זיין צו א שוואכקייט און נאכגלאזנקייט ווייל טאמער אונז וועלן ארבעטן מיט א שוואכקייט און זיי ארבעטן קעגן אונז מיט די גאנצע כח זענען אונז פארלוירן, און ער האט צוגעלייגט צו דעם די ווערטער וואס דער 'חפץ חיים' האט געזאגט: "הלואי זאלן אונז זיך מוסר נפש זיין אויפ'ן אמת אזוי ווי די פרייע זענען זיך מוסר נפש אויף זייער שקר".

און ער האט צוגעלייגט אז יעדע קינד מוז האבן שאיפות צו וואקסן ברוחניות, ווייל נאר אזוי קען ער אנקומען צו וואו ער דארף אנקומען, אבער אויב האט ער נישט קיין שאיפות צו וואקסן וועט ער טאקע קיינמאל נישט שטייגן, וויבאלד א מענטש קען נישט אנקומען צו א פלאץ ווי ער האט קיינמאל נישט געוואלט דארטן אנקומען, פארדעם ווען א בחור טראכט אז ער וועט מסתמא קיינמאל נישט זיין קיין גרויסער תלמיד חכם איז ער א 'מאבד עצמו לדעת', און ער ווארפט אראפ דערמיט זיין גאנצע רוחניות'דיגע לעבן, און טאקע ווער ס'איז זיך מייאש און זאגט אז ער וועט מער נישט וואקסן קיין תלמיד חכם, איז קענען אונז רח"ל זיך אויך מייאש זיין פון אים. און ער האט דערציילט וואס הגאון רבי ברוך בער זצ"ל האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף זיך: "אלס בחור האב איך משתוקק געווען און געהאט שאיפות אויסצוּוואקסן ווי רבי עקיבא אייגער, און איך בין געבליבן רבי ברוך בער, אבער ווען איך וואלט נישט געהאט די שאיפות צו וואקסן ווי רבי עקיבא אייגער וואלט איך נישט געווארן קיין רבי ברוך בער", און אזוי האט דער חפץ חיים געזאגט, אז אסאך בחורים זענען נישט מצליח אין זייער לערנען ווייל זיי האבן נישט קיין שאיפות צו וואקסן, און אויב זיי וואלטן געהאט שאיפות צו וואקסן גדולי תורה ממש וואלטן זיי געוואקסן אסאך מער.

### ווי אזוי וואקסט מען א תלמיד חכם

הר"ר דוד רייר שליט"א פון הר נוף האט דערציילט, איך בין געווען ביי מרן שליט"א מיט מיין אינגל צו בעטן א הדרכה ווי אזוי צו וואקסן א תלמיד חכם, און איך האב געטראכט אז מרן שליט"א וועט אים געבן א געוויסע סדר הלימוד צו לערנען, אבער צו מיין וואונדער האט אים מרן שליט"א געזאגט "דיין תפקיד יעצט איז נאר צו ליב האבן די תורה, נישט מיט קיין פרעשור, נאר זיך צו באהעפטן צו די תורה מיט א גרויסע ליבשאפט, און נאר אזוי וועסטו בלייבן דבוק אין די תורה דיין גאנצע לעבן", און ר' דוד האט צוגעגדיגט אז טאקע די עצה איז געשטאנען פאר זיין זוהן און אים געהאלפן, און ער האט שטארק מצליח געווען אין זיין לערנען דורך זיך מחבר זיין צו די תורה מיט אהבה.

## פארשידענע הנהגות און הדרכות בקודש פנימה

### כיבוד אב ואם

**איינמאל** א יאר פלעגט מרן שליט"א פארן מיט א קביעות קיין לאנדאן צו פארוויילן נעבן מיט זיין מאמע וועגן 'כיבוד אם', א גאנצע וואך פלעגט ער זיך דארטן אויפהאלטן און באדינען זיין מאמע און דערנאך זיך אומקערן קיין ארץ ישראל, און פון ארץ ישראל פלעגט ער איר יעדע איינציגע וואך שיקן א בריוו, כאטשיג ער האט נישט געהאט וואס איר צו דערציילן האט ער אבער יעדע וואך אפירגעזוכט עפעס א ענין איר צו שרייבן און איר אויפלעבן דערמיט.

**נאך** איר פטירה, איז מרן שליט"א אהינגעפארן קיין לאנדאן צו די לוי'ה, און ווען ער איז אנגעקומען אהין האט מען שוין געהאלטן אינמיטן די לוי'ה, און מרן שליט"א איז צוגעגאנגען צו זיין מאמע'ס מיטה און אויסגעפלאצט אין א געוויין און געזאגט "איך האב נישט זוכה געווען מקיים צו זיין כיבוד אם",

**אין** לויף פון די יארן איז די מאמע פון מרן שליט"א געקומען צו פארן עטליכע מאל קיין ארץ ישראל און זי האט זיך דאן אויפגעהאלטן אין שטוב פון מרן שליט"א, און די קינדער פון מרן שליט"א דערציילן וואס זיי האבן צוגעזעהן די געוואלדיגע פחד וואס ער האט געהאט פון כיבוד אם, און פון מאל צו מאל פלעגט ער זיך ארומדרייען נעבן איר צימער אין די גאר פריע פארטאג'ס שעות, און ער האט צוגעלייגט זיינע אויערן צו די טיר צו הערן אויב עפעס ריקט זיך דארט, ווייל אפשר האט זי זיך שוין אויפגעוועקט און מ'דארף איר שוין באדינען.

**ווען** ס'איז אנגעקומען די מינוט און ער האט געהערט א שטילן קול ארויסקומען פון די צימער, איז ער גלייך אויפגעשפרינגען און איר צוגעגרייט א ווארעמע טיי, [טראץ וואס פאר זיך האט ער קיינמאל נישט צוגעגרייט אליינ'ס א טיי, נאר די רעבעצין ע"ה פלעגט עס צוגרייטן, אבער דא האט ער נישט געלאזט זיין רעבעצין אנגרייטן], און ער האט זיך געניצט מיט א זילבערנע טאץ וואס די רעבעצין ע"ה האט געהאט געקויפט, אין אנפאנג האט די רעבעצין געוואלט אוועקלייגן די טאץ לכבוד פסח, אבער מרן שליט"א האט איר געזאגט אז זיין מאמע'ס כבוד איז ענדערשטער ווי די כבוד פון פסח, און ס'איז כדאי ארויסצונעמען די שענסטע כלי וואס געפונט זיך אין די הויז, און די רעבעצין האט צוגעשטימט דערצו מיט'ן גאנצן הארץ.

**ווען** ער האט צוגעברענגט די גלאז טיי צו זיין מאמע, איז ער נישט צוריקגעגאנגען גלייך צו זיין צימער לערנען, נאר ער האט זיך געזעצט שמועסן מיט מיר, און די קינדער צייכענען צו אז ס'איז געווען א ערשטע מאל וואס זיי האבן אים געזעהן זיך אוועקזעצן און פארברענגען א שיחת חולין אלעס פאר די מאמע'ס כבוד, און ער איז געזעצן מיט איר פאר א לענגערע צייט און געשמועסט אויף דעם און אויף יענס, און אין די רגע וואס ער האט פארלאזט איר צימער איז ער צוריק געלאפן צו זיין גמרא און זיך ארייינגעטינקען צוריק אין לערנען.

**איינע** פון די קינדער פון מרן שליט"א דערציילט: איך געדענק ווען איך בין געווען א קינד פון ניין יאר, און מיין טאטע האט מיר געהייסן אויספירן עפעס און איך האב אים נישט געפאלגט, האט זיך מיין טאטע געשטעלט נעבן מיר און אנגעפאנגען פארצוזאגן מיט א וויינענדיגן קול אויף אויסענווייניג די לשון המשנה אין פרק בן סורר ומורה (סנהדרין עב:) "ירדה תורה לסוף דעתו של בן סורר ומורה, שסוף מגמר נכסי אביו ומבקש למודו ואינו מוצא ויוצא לפרשת דרכים ומלסטם את הבריות", און ער האט געוויינט מיט בכיות אן אויפהער, די תורה זאגט דאך "אינו שומע בקול אביו ואמו.. ותפסו אותו וגו', זעהט מען ווי שטארק די תורה איז מחמיר אויף כיבוד אב [אינדערצווישן האב איך פרובירט אים צו בארואיגן און אים געזאגט אז איך וועל מער נישט עובר זיין אויף דעם, אבער ער האט נישט אויסגעהערט נאר עס איבערגעזאגט מיט א געוויין פאר עטליכע מאל], און זיין זוהן שליט"א האט צוגענדיגט "ס'איז געווען די ערשטע מאל און די לעצטע מאל וואס איך האב אים נישט געפאלגט, ווייל ס'איז אריין אין מיר א פחד הדין און יראת שמים וואס ס'מיינט כיבוד אב".

המשך בעמוד ד

המשך מעמוד א'

ירושלים איז זוכה צו א גרעסערע קדושה ווי ביים זעהן גאנץ אר"י, און איינער וואס זעהט די מקום המקדש איז זוכה צו א גרעסערע קדושה ווי ביים זעהן אנדערע פלעצער אין ירושלים.

**דער** 'כלי יקר' ברענגט ארויס די מעלה פון קוקן אויפן מקום המקדש, און ער זאגט אז אפילו היינטיגע צייטן ווער ס'קוקט און איז זיך מתבונן אין די מקום המקדש איז זוכה צו נתקדש ווערן מיט די קדושת השכינה וואס רוהט נאך דארטן היינט אויכעט, וויבאלד די בית המקדש של מטה איז מכוון קעגן די בית המקדש של מעלה, און די ביהמ"ק של מעלה איז נישט חרוב געווארן און ס'איז משפיע קדושה אויף די מקום המקדש של מטה אויך היינטיגע צייטן, און בקיצור זאגט ער די לשון: "כל הרואה המקום הקדוש ההוא בראייה לחוד קני שלימות נפשו ונתלבש ברוח קדושה וטהרה כי מלך ביופיו תחזינה עיניו וכו', ומטעם זה שלמים וכן רבים נכספה נפשם לעמוד במקום הקדוש ההוא כי רצו את אבניה".

**לעצט'נס** גייען ליידער זייער אסאך אידן ארויף אויפן הר הבית, צווישן זיי אסאך דתיים און פרומע באגלייט מיט שומרים, און דאס איז נאך א חורבן אויפן חורבן הבית רח"ל, און די הארץ פון יעדע אידיש קינד דארף ציטערן אין אזא צייט ווען מ'היט נישט די הייליגע פלאץ ווי ס'דארף צו זיין, און אונז דארפן זארגן אז אידן אין די גאנצע וועלט זאלן מפרסם זיין און לאזן וויסן אז אונז האבן נישט קיין שום שייכות מיט די גרופע, און אז די גרופע טוהען עס אויף זייערע אייגענע הענט, און מיט דעם וועט מען קענען פארמינערן די חילול ה' און א סכנה אויף כלל ישראל.

## די חיוב תשובה פאר ביאת המשיח

**"בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים ושבת עד ה' אלוקיך ושמעת בקולו",**
**(ד, ל)**

"לעתיד לבוא אין ישראל נגאלים אלא מתוך חמשה דברים הללו, מתוך צרה דכתיב בצר לך הרי מתוך צרה, ושבת עד ה' אלוקיך הרי מתוך תשובה, כי אל רחום ה' אלוקיך הרי מתוך רחמים, ולא ישכח את ברית אבותיך הרי מתוך זכות אבות, ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים הרי מתוך הקץ".
**(ב"ר, ב, כ"ג)**

**אונז** זעה מיר דא אין מדרש אז אין אחרית הימים וועט קומען גרויסע צאות, און דורך די צרות וועלן אידן צוקומען תשובה צו טוהן, און אזוי וועט מען אויסגעלייזט ווערן דורך דעם באשעפער'ס רחמים און זכות אבות, די גמרא זאגט שוין (סנהדרין צז:) אויף די אחרית הימים אז דער באשעפער וועט שטעלן א מלך וואס וועט גוזר זיין גזירות ערגער ווי המן און אזוי וועלן די אידן תשובה טוהן, אזוי אויך שטייט אין רמב"ם (פ"ז מהל' תשובה ה"ד) "אין ישראל נגאלין אלא בתשובה, און די תורה זאגט אונז צו אז אין סוף פון גלות וועלן די אידן תשובה טוהן און וועלן גלייך ווערן אויסגעלייזט.

**די** ווערטער זענען געזאגט געווארן ספעציעל פאר אונזער דור וואס בעוה"ר ליידן אונז זיך אן צרות פון אינעווייניג און פון אינדרויסן, און ס'איז זיכער א בחינה פון "קול דודי דופק", ווייל דער באשעפער ווארט אז אונז זאלן תשובה טוהן צוליב די צרות, און אזוי וועט ער אונז שיקן משיח צדקנו, און פארדעם דארף מען זיך מזרז זיין תשובה צו טוהן, בפרט יעצט באחרית הימים וואס איז די לעצטע תקופה וואס די תשובה ווערט נאך גערעכנט.

**איך** געדענק ווען איך בין געווען ביי האדמו"ר הרה"ק בעל ה'דברי יואל' זצ"ל פון סאטמאר, האט ער גערעדט פאר א קבוצה פון זיינע מקורבים, און ער האט זיי געזאגט אז אונז לעבן היינט אין א הסתר פנים, אויב אזוי זענען אונז זוכה צו א געוואלדיגע שכר אויף יעדע מצווה וואס מ'איז מקיים דורכ'ן ביישטיין די נסיון און אויפן מחנך זיין אונזערע קינדער צו קדושה און צניעות, און ער האט צוגעלייגט אז ווען משיח וועט קומען און ס'וועט דאן נתגלה ווערן כבוד שמים און ס'וועט קלאר ווערן די גרויסקייט פון באשעפער, וועלן די נסיונות שוין נישט זיין שווער פאר אונז אזוי ווי אין גלות מיט די הסתר פנים.

**האט** אים איינער פון די מקורבים געפרעגט אז אויב אזוי קומט אויס אז אונז דערלייגן מיט דעם אז משיח קומט, ווייל דער באשעפער צאלט די שכר לויט די שאצונג פון די נסיונות, און אויב ווען משיח וועט קומען וועט די נסיונות אוועקגעפאלן וועלן אונז דערלייגן די שכר, אויב אזוי פארוואס בעטן אונז אזוי אויף ביאת משיח.

**האט** דער רבי זצ"ל אויפגעהויבן זיין שטומע און געזאגט, ס'איז נישט קיין ספק אז ווען משיח וועט קומען וועלן אונז נאר פארדינען און נישט דערלייגן, און ער האט מסביר געווען אז ווער ס'לעבט מיט א ריינע אמונה, און ער קומט ביי די נסיונות אויך בשעת די הסתר פנים, און ער איז מחנך זיינע קינדער צו קדושה און צניעות, ווייזט ער מיט דעם אז ער איז גרייט מקיים צו זיין די רצון השם אויך אין א שווערע צייט, וועגן דעם וועט ער באקומען די זעלבע פיל שכר נאך ביאת המשיח ווי פארדעם, וויבאלד דער באשעפער וועט רעכענען די מחשבה ווי די מעשה און ער וועט אים געבן די שכר אזוי ווי ער איז בייגעקומען די נסיונות, און נאר ווער ס'האט נישט בייגעקומען די נסיונות פאר ביאת המשיח, ער וועט נישט באקומען נאך ביאת משיח די זעלבע פיל שכר וואס ער וואלט געקענט באקומען פאר ביאת משיח.

המשך פארשידענע הנהגות און הדרכות בקודש פנימה מעמוד ג'

## הסתלקות כ"ק מרן גאב"ד ירושלים
## הגאון הגדול רבי יצחק טוביה ווייס זצוק"ל

**לאור** די הסתלקות פון כ"ק מרן גאב"ד ירושלים הגאון הגדול רבי יצחק טוביה ווייס זצוק"ל, ברענגען מיר דא עטליכע עובדות וואס ער האט דערציילט פון די יארן וואס ער האט געלערנט צוזאמען מיט ידידו מרן שליט"א.

**דער** גאב"ד זצ"ל האט דערציילט וואס ער האט געדענקט פון אלס בחור, אז איין יאר האט געפעלט פון ישיבה דער קביעות'דיגער חזן פון שחרית ראש השנה, און זייער רבם מובהק הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל האט געשטעלט מרן שליט"א זאל דינען אלס חזן טראץ וואס ער איז נאך געווען אין די בחור'ישע יארן, און דאס איז געווען א שטארקע וואונדער און חידוש ביי יעדן, ווען מ'האט אנגעפרעגט פון הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל פארוואס ער האט נישט געשטעלט פאר א חזן איינע פון די יונגעלייט פון ישיבה, האט ער געענטפערט אז הגר"מ שטערנבוך איז בעסער וויבאלד ער איז א ירא שמים, און אזא ירא שמים ווי אים קען מען נישט געפונען צווישן די יונגעלייט, פארדעם האט ער אים ענדערשט געשטעלט פאר דער שליח ציבור כאטש וואס ער איז נאך געווען א בחור.

**נאך** האט דער גאב"ד זצ"ל דערציילט, אז מרן שליט"א פלעגט יעדן טאג גיין אין מקוה, און ער פלעגט צורעדן די אנדערע בחורים אויך צו גיין אין מקוה, (די מקוה אין לאנדאן איז דאן געווען אין זייער א נאכגעלאזטע גשמיות'דיגע מצב, און ס'האט אויסגעפעלט א שטופ פאר די בחורים אז זיי זאלן אהין גיין), אויך האט ער דערציילט, אז מרן שליט"א האט דאן אסאך פאראַרבעט אז די בחורים זאלן נישט שניידן די בארד מיט א שעהר-מאשין, וויבאלד אין יענע צייטן האט זיך כמעט יעדער געשניטן די בארד אין ישיבה.

צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו:
7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717